גליון ז
פרשת מקץ-חנוכה תשפ"ג

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### תשמישי מצוה | דרגת הקדושה בנרות חנוכה

#### • דריי שיטות אין די קדושה פון די חנוכה לעכט

הקדמה: ס'איז דא **תשמישי קדושה** און ס'איז דא **תשמישי מצוה**. **תשמישי קדושה** זענען ספר תורה תפילין און מזוזות וואס האבן א קדושה בעצם, היות זיי זענען אינגאנצן אפגעשייד פון עולם הזה, און זייער גאנצע שימוש איז נאר צו פארציילן דעם דבר ה'. און **תשמישי מצוה** זענען זאכן וואס זענען נישט אפגעשייד פון די וועלט, דאס הייסט, זאכן וואס מ'קען בעצם פאר וועלט'ליכע זאכן, אזוי ווי סוכה לולב שופר אין ציצית, וואס די זאכן קען מען ניצען אויך פאר וועלטליכע ענינים, נאר גראדע יעצט, נוצט מען עס פאר א מצוה, יעצט טוט מען מיט דעם די רצון ה'.

ווי למשל, א סוכה קען מען ניצען צו זיצען אין איר שאטען, א שופר פלעגט מען דאך נוצען צו בלאזן אין א מלחמה, ציצית איז דאך סתם א בגד וואס מ'נוצט, ממילא האבן די זאכן נישט קיין קדושה בעצם, אבער וויבאלד יעצט טוט מען מיט זיי א מצוה, האבן זיי עטוואס א קדושה בשעת די מצוה.

חנוכה לעכט איז מען צוגעוואוינט אז ס'האט א קדושה, אזוי ווי מען זינגט 'הנרות הללו קודש הם', אבער בעצם איז עס נישט אזוי פשוט, ווייל בפשטות איז דאך עס נאר **תשמישי מצוה**, נישט **תשמישי קדושה**, היות לעכט ניצט מען דאך אסאך פאר חולין'דיגע השתמשות'ן, מוז דאך זיין אז זייער קדושה איז נישט בעצם, זיי זענען נישט אפגעשייד בעצם, נאר בשעת'ן מצוה איז חל אויף זיי עטוואס א קדושה. און אין די פוסקים איז דא אין דעם כמה שיטות, ווי שטארק ס'איז די דרגת הקדושה פון נרות חנוכה, אזוי ווי מ'זינגט דאך 'הנרות הללו קודש הם'.

איז בכללות איז דא אין דעם דריי שיטות, 1) ס'האט טאקע נישט קיין קדושה, נאר באופן וואס ס'איז ממש א גנאי פאר די מצוה, דעמאלטס איז אסור, דאס הייסט, אז מדארף זיי אביסל מכבד זיין ווי א דבר קדוש, אבער בעצם האבן זיי נישט קיין קדושה. 2) ס'האט טאקע נישט קיין קדושה, אבער ס'איז דא ביי דעם א **הנהגה פון קדושה**. 3) די דריטע שיטה האלט אז די חז"ל האבן געמאכט אויף דעם א **קדושה ממש**.

די ערשטע שיטה איז די רא"ש און מהרש"ל, וואס זיי האלטן אז נאר מקרב זיין די הענט ממש צו די לעכט איז אסור, באופן וואס ס'איז שטארק ניכר אז ער איז זיך משתמש מיט זיי און ס'איז א גנאי, און אויף דעם וועט ארויף גיין די ווערטער 'הנרות הללו קודש הם', אז מען טאר זיך נישט מקרב זיין צו די לעכט צו הנאה האבן. ענדליך צו דעם איז די שיטת הבעל המאור אז בעצם האבן די לעכט נישט קיין שום קדושה, און דאס וואס עס איז 'אסור להשתמש לאורן' איז נאר אויף תשמישי חול, וואס דאמעלטס איז עס א גנאי און א בושה פאר די לעכט אז מ'ניצט אים פאר א דבר חול.

> איז די הייליגע שפת אמת (ליקוטים לחנוכה) מבאר אז אין הכי נמי, ס'וואלט נישט געדארפט האבן קיין קדושה בעצם, נאר די יודישע קינדער בכח זייער אמונה אין די קדושת הנרות, זענען זיי מוסיף דרגות פון קדושה אין די נרות. אויך דער הייליגער שם משמואל איז מבאר אז באמת על פי די כללים וואלט עס טאקע נישט געדארפט האבן א קדושה בעצם, נאר די חכמים האבן ממשיך געווען א קדושה במיוחד פון א העכערע פלאץ.

די רמב"ן (מלחמות ה' תחילת במה מדליקין, וכן בחידושים) האלט שוין א משהו מער פון דעם, ער האלט אז די לעכט האבן **א הנהגה פון קדושה**, דאס הייסט אז ער קען נישט זיין א קדושה בעצם, ווייל א קדושה בעצם קען נישט ווערן אויס, נאר וואס דען ס'איז אזא הנהגה פון קדושה וואס מ'פירט זיך מיט די לעכט בשעת'ן מצוה. און דאס איז פשט פון 'הנרות הללו קודש הם, ואין לנו רשות להשתמש בהם', די הנהגה פון קדושה בשעת'ן מצוה.

אבער די רשב"א און די ר"ן האלטן יא אז נרות חנוכה האבן **א קדושה ממש**, און הגם ס'איז נאר תשמישי מצוה, פון דעסטוועגן וויבאלד זיי זענען א 'זכר' צו די נרות פונעם בית המקדש, האט מען אויף זיי געגעבן די קדושה פונעם בית המקדש. (אבער אפילו לויט די ר"ן איז עס נאך אלץ נישט קיין קדושה ממש ממש, והא ראיה אז נאך חנוכה דארפן מען מן הדין נישט פארברענען, און נאך א ראיה פון דעם וואס ביי חנוכה איז נישט דא די דין פון 'הזמנה מילתא').

א ענדליכע מחלוקת טרעפט מען ביי א בית הכנסת, בעצם א בית המדרש איז דאך לכאורה נאר 'תשמישי מצוה', ס'איז משמש פאר די מצוה פון דאוונען, איז די רמב"ן האלט אז ס'איז טאקע נאר **א הנהגה פון קדושה**, אבער די ר"ן האלט אז ס'איז יא עפעס א קדושה ממש מתקנת חכמים, בשעת די בית המדרש שטייט, ענדליך ווי ער האלט לגבי חנוכה. אויך די יראים (השלם סימן קד תט) האלט אז מ'האט געגעבן אויף א בית המדרש א קדושה ממש, מ'כח דעם וואס א בית המדרש איז אזוי ווי א בית המקדש.

#### • הקדושה תלוי לפי האמונה

נאך מער טרעפט מען א חומרא אין שולחן ערוך (או"ח סימן תרע"ז) בשם די תנחומא (נשא כט), צו אסר'ן די לעכט בהנאה אפילו נאך דער מצוה, און אויב ס'איז איבער געבליבן שיריים פון די שמן זית נאך חנוכה, דארף מען מאכן א 'מדורה' און עס פארברענען במקומו. וואס דאס קוקט דאך שוין יא אויס ווי עפעס א קדושה בעצם, וואס דארף מען דאך פארשטיין, ווי קומט א קדושה בעצם צו די נרות חנוכה.

איז די הייליגע שפת אמת (ליקוטים לחנוכה[א]) מבאר אז אין הכי נמי, ס'וואלט נישט געדארפט האבן קיין קדושה בעצם, נאר די יודישע קינדער בכח זייער אמונה אין די קדושת הנרות, זענען זיי מוסיף דרגות פון קדושה אין די נרות. אויך דער הייליגער שם משמואל איז מבאר אז באמת על פי די כללים וואלט עס טאקע נישט געדארפט האבן א קדושה בעצם, נאר די חכמים האבן ממשיך געווען א קדושה במיוחד פון א העכערע פלאץ[ב].

און דאס איז דער פשט אין די תנחומא אז מ'פארברענט עס מצד 'מצוות זקנים', דאס הייסט מצד די כח ההמשכה פון די חכמים וואס זיי האבן די כח ממשיך צו זיין די קדושה פון א הויכע פלאץ, מוסיף צו זיין אין די קדושה, מער ווי די הלכה וואלט בעצם אוועק געשטעלט.

---

**א.** וז"ל שם "ובגמרא איתא וכי נר קדושה יש בו. נראה כי עכשיו שאסרו להשתמש לאורה ובנ"י מקצין הנרות לשמו ית' חל עליו הקדושה, כי באמת בכל מצוה יש קדושה רק שהוא מוסתר וכפי אמונת האדם ומבדיל הגשמיות מן המצוה, מתעורר הקדושה כנ"ל. [וזה יש לכוין בלשון המדרש תנחומא ופסיקתא דחנוכה אסור להשתמש כו' לא יאמר אדם איני מקיים מצות זקנים כו' גוזרין עלי ואני מקיים כו' ע"ש פ' נשא. והיינו שע"י שנהגו להקצותו למצותו נעשה באמת קודש כנ"ל]". (וכן כתב בשנת תר"מ דלפי התעוררת התחתון כך מתגלה הקדושה).

וז"ל השם משמואל (מקץ חנוכה ליל ח) "וא"כ לכאורה יש לשאול מותר השמן שבנר שהוא תשמישי מצוה לאחר זמן מצותן למה אסור בהנאה. אך הלוא אמרנו שהיא מצות זקנים וממקום גבוה כ"כ למעלה מכל הפכים ומכל שינויים, והם היו יכולין לתקן שיהי' קודש נצחי למעלה מכל הפכים שאף לאחר זמן מצותן לא אזדא לה קדושתן. וזה שאנו אומרים הנרות הללו קודש הם, א"כ דינן כתשמישי קדושה ונגנזין. וזה שהקדים הפסיקתא דמותר השמן שבנר אסור, ולא יאמר אדם אינני מקיים מצות זקנים, היינו שתהי' מצות זקנים חמורה מדברי נבואה שמצות זקנים תהי' נצחית ולא הוראת השעה בלבד.

**ב.** ס'איז יתכן אז בעצם ווייסט מען דאך אז אפילו אין יעדע דבר חולין, איז דאך דא עטוואס א קדושה, מצד די דבר ה' וואס איז באהאלטן אין יעדע זאך אויף דער וועלט, נאר וואס דען געווענטליך אז די קדושה מורא'דיג באהאלטן מיט עניני חולין, אבער דא חנוכה האבן די חכמים מגלה געווען די דאזיגע קדושה.

## מארקעטינג - ר' חיים זצ"ל טוישט די מארקעט

### • תורה מארקיט

הקדמה: אין די ביזנעס וועלט ווייסט מען אז יעדע ביזנעס דארף מאכן א מארקיט פאר זיין ביזנעס, וואס דאס ווערט אנגערופן 'מארקעטינג'. דאס הייסט ער קען נישט לאזען די ביזנעס פארשלאסן אין זיינע ד' אמות, ער דארף עס ארויף שטעלן אויפן מארקיט. און פארשטייט זיך אז ווי שענער עס איז ארויס געשטעלט, ברענגט מען א שענערע מארקיט צו די זאך.

'עדוועטייזמענט' מיינט אז מענטשן זאלן פשוט וויסן אז מ'קען באקומען דאס וואס מען שטעלסט ארויס, מארקעטינג איז אסאך מער פון דעם, ביי מארקטינג שטעלטסטו ארויס די גאנצע ביזנעס צום 'מארק'. די לייגסט עס פאר פארן עולם אויף א געשמאקע אויפן, און דורך דעם ברנעגסטו די מארקיט צו דיר. (למשל, מענטשן ספענדן א יאר - לדוגמא - כך וכך געלט, מאכסטו א מארקעט אויף דיין זאך, אז מענטשן זאלן פילן פאר וויכטיג אז ס'לוינט זיך זיי צו ספענדן די געלט זיך איינצוהאנדלן דיינס א זאך).

יעצט לאמיר צו קומען צו אונזער שמועס: אונז ווייסען אז אין אלע דורות זענען געווען גדולים וואס האבן געטוישט די תורה'דיגע מארקיט, ווי לדוגמא די גר"ח הגאון ר חיים בריסקער זצ"ל, די חזון איש, וכדומה אלע גדולים פון אלע דורות. אזוי אויך רבינו הגאון הגדול ר' חיים קנייבסקי זצ"ל האט ממש געמאכט א נייע מארקיט אין פילע ענינים אין די תורה הקדושה, אפילו אין פארווארפענע ענינים וואס קיינער האט נישט געלערענט.

מ'ווייסט אז די הייליגע חפץ חיים איז געווען א חידוש אין די נקודה, אין זיין ספר 'חפץ חיים' האט ער געמאכט א געמאכט א מארקיט אויף שמירת הלשון, ארויסברענגענדיג ווי ס'איז נישט דא עפעס וויכטיגער פון דעם, שרייענדיג!!! ר' יוד!!! די ביסט נזהר אין דעם און אין יענץ, אלץ זייער פיין און וואויל, אבער ס'קומט נישט צו, צו זהירות אין שמירת הלשון.

דאס הייסט אז די הייליגע חפץ חיים האט איבערגעדרייט די יודישע מארקעט, ארויסברענגעדיג ווי שמירת הלשון איז וויכטיגער פון אלעס. אזוי אויך זיין הייליגע ספר משנה ברורה, האט דער הייליגע חפץ חיים ארייגעשלעפט דעם גאנצען עולם היהדות אין לימוד השלחן ערוך אורח חיים, ער האט ארויס געשטעלט דעם שלחן ערוך אויפן מארקעט מיט אלע טעמים, מיט אלע קאלירן און פארבן.

אזוי אויך די צענדליגע ספרים פון רבינו זצ"ל זענען געווארן נכסי צאן ברזל פון כלל ישראל, ס'איז ארויף אויפן מארקט מיטן גאנצן קנאק, און מיטן גאנצען געשמאק.

### • א נייע מארקיט

מ'ווייסט אז די מארקעט דרייט זיך בעיקר, דארטן ווי ס'איז דא א שטארקע דעמענט, וואס אויף דעם קומט די מארקיט, צו סערווירען די דעמענט. אזוי אויך להבדיל אלפי הבדלות ביי די תורה'דיגע מארקיט ארבעט עס אויך אזוי, אז די עיקר מארקיט איז דארטן ווי ס'איז דא א פארלאנג, די ספרים הקדושים קומען ארויס דארטן ווי ס'איז דא א פארלאנג.

אבער צו מאל איז דא אין וועלטליכע מארקיט, זאכן וואס ס'איז בכלל נישט דא אויף דעם א דעמענט, ס'איז בכלל נישט דא אויף דעם א פארלאנג, און ס'קומט איינער א גוטע סוחר, וואס ער איז מחדש א נייע זאך אינגאנצען, און ער איז מחדש א מארקיט אויף דעם, דאס הייסט אז ער מאכט די מארקיט מיט די דעמענט צוזאמען, דורך זיין מארקיטען ברענגט ער עס אריין ביים עולם די דעמענט און די פארלאנג פאר די זאך.

להבדיל אלפי הבדלות ביי די תורה'דיגע מארקיט, על פי רוב ווען תלמידי חכמים ארויס געבן ספרים דארטן ווי ס'איז שוין דא א דימענט, דארטן ווי ס'איז שוין דא א מארקיט, אבער רבינו זצ"ל האט ארויס גגעבן ספרים אויף מקצעות וואס ס'איז בכלל נישט געווען קיין דימענט, ער האט מחדש געווען א מארקיט מיט א דעמענט צוזאמען.

די הייליגע חפץ חיים האט בעיקר ארויס געגעבן ספרים אויף למעשה ממש, דאס הייסט אויף אקטאועלע נושאים, ווי מ'זעט אזוי אויף אלע זיינע ספרים וואס ער האט ארויסגעגעבן, ווי ער האט געזיכט צו העלפן כלל ישראל למעשה ממש, וואס פאר די ענינים האט ער נישט געדארפט מחדש זיין ממש א נייע מארקיט, ווייל אויף די ענינים פון למעשה איז דאך אלץ דא א תורה'דיגע מארקיט.

אבער רבינו זצ"ל האט געהאט א חידוש מחדש זיין א נייע מארקיט ממש. ער האט געקענט מאכן א מארקיט, אפילו אויף מקצועות וואס פארדעם איז די מארקיט דארטן געווען אין די אדמה. ווי למשל, זיינע ספרים אויף ירושלמי, אויף זרעים, און אויף קדשים, אויף די אלע פארווארפענע מקצועות, עגלה ערופה כתובות קעקע וכדומה.

די תורה'דיגע מארקיט איז א נצחיות'דיגע מארקיט, וואס ווערט נמשך אויך נאכן פטורה, אדרבא נאכן פטורה איז נאך אסאך מער ווי פארדעם, ווי מ'זעט די התפשטות פון ספר משנה ברורה בזמנינו, און די ריבוי גוטע ספרים וואס קומען אלץ ארויס אויפן משנה ברורה. אזוי אויך ספרי רבינו נאך זיין פטורה ווערט די מארקיט דערפון אסאך שטערקער, ביתר שאת פון פארדעם.

### • די ספרים מאכן די זאך

אז מ'וועט גוט קוקן וועט מען זען, וואס דרייווט די מארקעט אין תורה הקדושה, די ספרים הקדושים, די ספרים הקדושים זיי מאכן די זאך, זיי שטעלן ארויס די תורה הקדושה אויף די תורה'דיגע מארקיט.

אז ס'קומט ארויס א 'שמירת שבת כהלכתה' מיט אלע סארט היינטיגע שאלות, נו!!! דאס געט א שאקעל אויף, ס'געט א טויש די מארקעט. ווי ס'איז באקאנט פאר די לומדים, וואס פאר א חידוש איז שמירת שבת כהלכתו איז געווען פאר די וועלט בשעתו, פאר פערציג יאר צוריק, עפענענדיג א נייע טיר צו אלע היינטיגע שאלות אין הלכות שבת. וואס א דאנק דעם האט זיך די הלכות שבת וועלט גאר אסאך געעפענט.

וואס דארף מען מער ווי דעם, אז פאר צוואנציג יאר צוריק, ווער האט געלערנט דף היומי? אבער היינט אז ס'איז דא שוטנשטיין ס'איז דא מתיבתא, איז ווער לערנעט נישט 'דף היומי'. אז ס'איז דא גוטע ספרים האבן די עסקנים די שטארקייט צו שטיפן און מאכן א תעמולה, אויפלעבן דעם עולם צום לערנען, מ'קען מאנען פונעם עולם, געטס א קיק ס'איז דא אזעלכע קלארע שיינע ספרים, פארוואס זאלטס עטס נישט לערנען. אויך די שיעורים פארן אסאך בעסער, ווייל ס'איז אסאך גרינגער פארן מגיד שיעור זיך פארצוקוקען. דאס אלעס זאגט אונז אז די ספרים דאס מאכט די מארקעט.

מ'זעט אז ס'איז לעצטנעס געווארן א מארקיט פאר ירושלמי, די עולם האט זיך געזעצט לערנען ירושלמי, אז מ'וועט גוט קוקן וועט מען זען אז רבינו זצ"ל האט געהאט א גרויסע יד אין דעם, מיט זיינע פירושים אויף ירושלמי, און ווי אויך זיין אליינס לערנען אסאך ירושלמי, דאס האט אסאך אויפגעלעבט די מארקיט אויף לימוד הירושלמי.

אין די כוללים איז היינט הלכות שבת מער אויף די מארקיט ווי יורה דעה, אמאל ווינדערט מען זיך, היתכן? אמאל פלעגט מען בעיקר לערנען יורה דעה חלק א', ווי איז היינט געווארן הלכות שבת אסאך שטערקער? איז בנוסף צו דעם וואס הלכות שבת איז היינט אסאך מער אקטועל ווי יורה דעה, בנוסף לזה, האט עס אויך צו טוהן מיט די ריבוי ספרים, די חשובע ספרים וואס זענען אלץ ארויס געקומען אויף הלכות שבת במשך די לעצטע דרייסיג יאר (זייט שמירת שבת כהלכתו איז ארויסגעקומען), מה שאין כן אין יורה דעה וואס עס זענען נישט ארויס געקומען אזוי סאך ספרים.

אין הכי נמי, ווען דער 'בדי השלחן' הרב שרגא פייוול כהן זצ"ל, האט ארויס געגעבן זיינע חיבורים אויף יורה דעה, האט זיך אודאי גאר אסאך אויפגעהויבן די לימוד אין יורה דעה. ווייל דאס איז די כלל, אז גוטע ספרים הייבן די מארקעט, אז ס'קומט ארויס א גוטע ספר, לערנט מען, די עולם לויפט אהין דארטן ווי ס'איז דא גוטע ספרים.

געטס א קוק ווי אזוי ס'ארבעט אין די וועלט, ווי מער א זאך קאכט זיך ביים עולם, אז ס'איז דא גוטע קורסעס אויף א ענין

# כללים ומושגים

## כח הפועל בנפעל

### די מושג כח הפועל בנפעל

עס איז באקאנט די מושג "כח הפועל בנפעל", ווען א מענטש מאכט עפעס א זאך, גייט ארויס פון אים א כח און א אנרג'י, און עס גייט אריין אין די 'תוכיות' פון דער זאך וואס ער מאכט, אריין אין דעם 'נפעל' אריין.

צום ביישפיל א מענטש שרייבט, פון איין זייט איז דא דער מענטש, דער 'גברא', פון דער צווייטע זייט איז דא די פאפיר, די חפצא, און די אנרג'י גייט ארויס פונעם מענטש, און זעצט זיך אריין אינעם פאפיר אויף די פארעם פון אותיות. דאס הייסט, אז די כח פונעם פועל, דער גברא, גייט אריין אין די תוכיות פונעם נפעל.

די מציאות איז אז ס'איז נישט יצוייר א פעולה אהן א 'חפצא', יעדער פעולה פון א מענטש איז בהכרח אין עפעס א חפצא אריין (חוץ אויב ער פירט די הענט ארויף און אראפ אין די לופט אהן קיין שום תכלית). איז די אנרג'י פונעם פעולה גייט ארויס פונעם מענטש, פונעם גברא, אין זעצט זיך אריין אינעם חפצא, און ווערט דארטן געסטארידזשט.

א פעולה פון א מענטש איז א דבר שאין בו ממש, עס איז זייער א מקרה'דיגע זאך, עס איז קיים נאר בשעת'ן טוהן זעלבסט, א רגע נאך טוהן, איז שוין די פעולה בכלל נישט דא. אבער דער 'נפעל' וואס איז געמאכט געווארן דורך זיין טוהן, דאס בלייבט קיים. און צומאל קען די 'נפעל' זיין נתקיים נאך מער פונעם 'פועל', ווי למשל, די קינדער פון א מענטש, וואס זיי זענען זיינע 'נפעלים', און זיי לעבן איהם איבער.

די 'פעולה' פון א מענטש איז אנרג'י, אנרג'י איז א זאך וואס ווערט אויסגעברענט און אויסגענוצט, אבער דורך דעם וואס די אנרג'י גייט אריין אין א 'חפצא', דורך דעם בלייבט אויך די אנרג'י גופא קיים, ווייל דער 'חפצא' איז דאך נישט אנרג'י, די חפצא איז א דבר קיים בעצם, ממילא ווען די אנרג'י גייט אין איהם אריין, האט די אנרג'י א קיום דורך איהם.

לדוגמא, משרייבט א 'שטר' צו מקיים זיין א מקח, די פעולת המקח גופא, איז נעלם געווארן גלייך נאכן מאכן די מקח, ווייל די פעולת הקנין איז א געוויסע אנרג'י, געבן געלט, מושך זיין די חפץ, מאכן חזקה וכדומה, די אלע קנינים גלייך נאדעם וואס מ'ענדיגט זיי, ווערן זיין פארהוילן פון די מציאות, זיי ווערן נעלם, אבער אז ס'איז דא א שטר, בלייבט די פעולת המקח קיים אין די חפצא פונעם שטר.

ווען די כוחות פונעם פועל זעצען זיך אריין אינעם נפעל, און ווערן איינס מיט איהם, ווערט עס אנגערופן אין די ספרים "חלות", דאס איז מבטא איז די כוח האט געקליקט מיטן נפעל. אויך די ענין פון שליחות איז מקשר צו זיין דעם כח הפועל אינעם נפעל אריין.

דער 'פועל' איז די 'סיבה', און דער 'נפעל' איז די 'מסובב, פארשטייט זיך אז דער נפעל דער מסובב, איז נידריגער ווי דעם פועל, דער סיבה. אבער וויסען זאלסטו, אז דאס איז אלץ פארן פעולה, אבער נאכן פעולה באקומט די חפצא א יתרון מער פונעם מענטש, בצד מה.

לדוגמא, א פאפיר, וואס פארן שרייבן דערויף, איז עס בודאי נידריגער פונעם שרייבער, ס'האט בכלל נישט קיין חשיבות לערך דעם שרייבער, דער גברא. אבער נאך דעם וואס דער שרייבער האט 'פועל' געווען אין דעם, האט ער אויפגעהויבן די פאפיר, און בצד מה איז ארויף די חשיבות פונעם פאפיר, נאך מער פונעם שרייבער גופא. והא ראיה אז די פאפיר לעבט איהם צומאל איבער. כעין ווי די קינדער פון א מענטש, וואס זיי זענען זיכער נידריגער פון איהם, זיי זענען דאך 'מסובב' פון איהם, אבער למעשה האבן זיי א יתרון, אז זיי לעבן איהם איבער.

### דרגות אין כח הפועל בנפעל

די חשיבות און אפגרעיט פונעם נפעל, 'כח הפועל בנפעל', האט גאר אסאך דרגות. ווי מער 'כח' דער פועל וועט ארויס געבן בשעת'ן מאכן, ווי מער כוונה חיות און ענערדזשי ער וועט אריין לייגען, אזוי סאך מער פראדאקטיוו, וועט דער 'נפעל' ארויסקומען. דאס הייסט ווי מער כוונה, הארץ און נשמה, דער פועל וועט אריינלייגען אין דאס וואס ער מאכט, אזוי סאך מער וועט ארויף גיין די חשיבות פונעם 'חפצא' וואס איז געווארן 'נפעל'.

און דאס איז אין יעדע זאך, אין גשמיות, אז יעדער 'פראדאקט' וואס ער מאכט מיט הארץ און נשמה, קומט דער 'פראדאקט' ארויס אסאך בעסער אהער געשטעלט, עס איז אסאך מער 'פראדאקטיוו' און געלאנגען, א בעסערע קוואליטעט. אזוי אויך אין רוחניות, די תורה און מצוות וואס דער מענטש - דער גברא - טוט מיט חיות און כוונה, גייען אריין אין דעם חפצא פון די תורה און מצוות, און זיי קומען ארויס אסאך מער פילער, פיל מיט חיות, פראדאקטיוו און געלונגען.

די 'כוונה' איז דער פארמיטלער פונעם 'פועל' צום 'נפעל', די כוונה ברענגט אריין דעם דעם כח הפועל אינעם נפעל אריין, ממילא איז פארשטענדליך, אז ווי מער כוונה ס'איז דא בשעת טוהן, אלץ מער כוחות פונעם פועל גייען אריין אינעם נפעל.

**ווי**
**מער כוחות דער פועל**
**ברענגט ארויס פון די טיפינעש פון זיין נשמה, אלץ מער איז ער מגלה די קדושה אין די תוך תוכיות פון די לעכטלעך, ווי מער 'פועל' איז אויטאמאטיש מער 'נפעל', מער 'כח הפועל בנפעל', מער כוונה און עצמות פונעם מענשט, גייען אריין אין די חפצא פון די לעכטלעך.**

די הייליגע חז"ל זאגען אז 'תפילה בלי כוונה כגוף בלי נשמה', און אין דעם איז דא אהן א שיעור דרגות, ווי ס'איז באקאנט די לשון פונעם הייליגען רשב"א (חלק א' תשובה תכ"ג) "הכונה יסוד הכל, אבל הכונות רבות ונחלקות למדרגות רבות זו לפנים מזו כפי רבוי הידיעות והשגות, מן הקטן שבאישים ועד משה רבינו עליו השלום, ולפי השגת כל אחד ואחד ימצא חן".

דאס הייסט, א יוד דאווענט, דער יוד גופא איז דער 'גברא', די 'תפילה' גופא איז די 'חפצא' (א 'חפצא' וואס הייסט תפילה), און ווען דער יוד שטעלט זיך דאווענען, גייט ארויס חיות אין נשמה פונעם גברא, און עס גייט אריין אינעם חפצא אריין, אינעם אותיות התפילה. מתחילה איז די תפילה געווען טויט, אבער דורכן דאוונען, ווערט די תפילה אויפגעהויבן, ער הייבט אויף די חפצא פונעם תפילה, ער פילט איר אהן מיט חיות.

יעצט איז פארשטענדליך אז ווי מער כוונה און נשמה ס'וועט אריינגיין אינעם דאווגען, וועט די דאווגען ווערן מער פילער מיט די כוחות פונעם גברא, מער פילער מיט כוחות פין חיות און נשמה. ווייל די כוונה, דאס ברענגט ארויס די כוחות פונעם גברא, אריין צו די חפצא פונעם תפילה. ווי מער 'כח הפועל בנפעל', אלץ מער ווערט די תפילה מער און מער אויפגעהויבן, צו זיין א לעבעדיגע חפצא פון תפילה.

אין גמרא איז דא א גרויסע מחלוקת צו מצוות צריכות כוונה, און אונז פסק'נען אין שלחן ערוך אז 'צריכות כוונה', דאס מיינט אז אונז פסק'נען אז טאמער לייגט מען נישט אריין כוונה, איז נישט דא די 'כח הפועל בנפעל', עס ווערט נישט פאררעכנט ווי ער, דער גברא, האט געטוהן די מצוה, עס ווערט ווי ס'איז געטוהן געווארן פון זיך אליינס.

אזוי זעהט מען אויכעט ביי די דין פון 'דבר שאין מתכווין מותר', און די דין פון 'מתעסק', ביי שבת און ביי אנדערע הלכות. אז אהן די כוונה פעלט עס פון די גאנצע פעולה, עס ווערט נישט גערעכנט ווי א פעולה פון א מלאכה, עס איז געמאכט געווארן כאילו פון זיך אליינס. דאס הייסט, אז אהן כוונה איז נישט דא די 'כח הפועל בנפעל', עס ווערט פאררעכנט ווי ס'איז געמאכט געווארן אהן א 'פועל'.

און פארשטייט זיך אז אויב עס ווערט פאררעכנט ווי ס'איז נישט דא קיין 'פועל', איז אויטמאטיש רעכנט זיך עס, אז עס איז נישט דא קיין 'נפעל', ווייל ס'איז בודאי נישט שייך קיין 'נפעל' אהן א 'פועל', נאר די חפצא איז כאילו דא פון זיך אליינס. ווי למשל ער טוט מלאכת זורע אהן כוונה, איז נישט דא קיין פועל און נפעל, נאר עס איז דא א זורע פון זיך אליינס, די זורע האט נישט די חיות פונעם גברא.

און ס'איז יתכן, אז אהן כוונה איז די 'חפצא' פונעם מצווה, נישט בגדר מצוה בכלל, ס'בלייבט א דבר חול בעלמא, א טויטע זאך. 'חול' איז מלשון 'חלל', א הוילע טויטע זאך, נאר דורך די כוונה ברענגט מען אריין די חיות אין דעם, ס'ווערט א מציאות פון קדושה, ווי די הלכה איז אז חפצי מצוה בשעה שמשמשין למצוה באקומען זיי א קדושה.

לדוגמא, א מענטש איז געזיצען אין די סוכה און ער האט נישט מכוון געווען לשם מצוה, ווערט עס באטראכט ווי ער איז געזיצען אין די סוכה סתם אין מיטן יאר, אבער אז ער איז מכוון, איז ער מייחד די פעולה ס'זאל ווערן מצווה'דיג, און אויך די חפצא גופא פון די מצוה, ווערט אויפגעהויבן צו די דרגא פון מצוה און קדושה.

ס'איז באקאנט אז ס'איז דא כמה פשטים וואס הייסט 'תורה שלא לשמה', לקנטר, להתייהר וכו'. דאס הייסט אז ווי מער זיין כוונה פליט ארום און ארום, צו אלע סארטן חשבונות ארום תורה, איז עס מער שלא לשמה, און ווי מער זיין פאוקיס איז דיירעקט צו תורה, איז עס מער לשמה. און אין 'לשמה' אליינס איז דא אין סוף דרגות, וואס די אלע דרגות זענען טיפער און טיפער אין דעם נקודה, ווי שטערקער ער קען מכוון זיין נאר צו די תורה.

לאמיר צוקומען א משהו צו חנוכה. חנוכה גייען ארויס די כוחות פונעם 'פועל', און זיי גייען אריין אין די לעכטלעך, א שטיק פונעם גברא, גייט אריין אין די חפצא פון די לעכטלעך. ווי מער כוחות דער פועל ברענגט ארויס פון די טיפינעש פון זיין נשמה, אלץ מער איז ער מגלה די קדושה אין די תוך תוכיות פון די לעכטלעך, ווי מער 'פועל' איז אויטאמאטיש מער 'נפעל', מער 'כח הפועל בנפעל', מער כוונה און עצמות פונעם מענשט, גייען אריין אין די חפצא פון די לעכטלעך.

און די שיין פון די לעכטלעך גייט נאכדעם אסאך אסאך ווייטער, זיי שיינען אריין אין די טונקעלקייט פון די נאכט, אין דעם טונקלקייט פונעם גלות, אז ס'קומט אויס אז דארטן אין די טונקלקייט אריין, איז ער מחיל די שיין און די קדושה פון די נרות.

לויפט די עולם אהין, לדוגמא, אז ס'איז דא אסאך קורסעס בעניני נפש, דאן איז די עולם ביזי א גאנצע טאג מיט נפש, און די זעלבע אין ריעל עסטעיט וכדומה, צומאל ברענגט די דעמענט די קורסן, און צומאל ווערן די קורסן ברענגן די דעמענט. ווייל דאס איז די כלל אז ווי סאך מער מ'רעד פון א ענין, דאס הייבט די דעמענט און די מארקט פון די זאך, איז ממילא די מקצועות וואס ס'איז דא דארטן גוטע ספרים, און גוטע שיערים, דארטן לויפט מען אהין.

## • דיסיפלין און חוקים

ווי אזוי פירט א מלמד זיין קלאס? דורך דיספלין, ער שטעלט אוועק אינעם קלאס זיינע חוקים, ער פירט זיין וועלט'לע ווי א קעניג זיין מדינה, מיט יראת הכבוד און מיט יראת העונש. א לאנד איז אוועק געשטעלט אויף פעסטע געזעצן, א מלך מיט שרים, מושלים, פאליציי וכו', אזוי אויך דער מלמד שטעלט אוועק אין זיין קלאס פעסטע הנהגות, פעסטע חוקים אז זאכן זאלן פארן.

די טבע הבריאה איז, אז א 'כלל' פון מענטשן, קען מען נאר פירן מיט חוקים, ווייל יעדער יחיד האט זיך דאך זיינע אייגענע דיעות, און נאר דורך חוקים און כללים, קען מען האלטן א סטרוקטשער (STRUCETUR) פאר אלעמען צוזאמען.

אז מ'טראכט אריין אפילו א יודישע שטוב קען זיך נאר פירן דורך חוקים, ווי מ'זעט אז יעדע טאטע און מאמע שטעלן אוועק חוקים ביי זיך אין שטוב, און יעדער מיטגליד אין שטוב ווייסט, ביי אונז אינדערהיים טוט מען אזוי, ביי אונז טוט מען נישט אזוי, וכדומה, די הכשרים עסט מען יא וכו'. מ'שטעלט אוועק חוקים, דיספילין, ווייל אויב נישט וויל דאך יעדעס קינד טוהן וואס איהם גליסט זיך און דאכט זיך.

ווי גרעסער די כלל פון מענטשן זענען, דארפן די חוקים זיין שטערקער. ס'איז אינו דומה די חוקים אין א שטוב, צו די חוקים אין חדר ביים מלמד. און ס'איז אינו דומה די חוקים ביים מלמד, צו די חוקים פון א לאנד וואס ווערט געפירט דורך גאר שטארקע חוקים פון א קעניג מיט פאליציי. ווייל דאס איז די כלל, אז ווי א גרעסערע עולם מ'וויל האלטן צוזאמען אונטער איין מהלך, דארפן די חוקים זיין שטערקער.

מ'ווייסט אז היינטיגע צייטן איז די רוח צו גיין מיט קינדער מער מיט אהבה, אבער דאס איז בעיקר בפרטות, איינער קעגן איינער, אבער פירענדיג א כלל פון מענטשן, אסאך מענטשן צוזאמען, מוז עס גיין שטרענג מיט דיסיפלין.

## • חוקים מיט די כח היראה

דיסיפילין און חוקים איז א וועלט, א גאנצע וועלט פון יראה, מ'קען עס איבערגעבן דורך עונשים, און מ'קען עס איבער געבן דורך יראת הכבוד. דאס איז ביי יעדע סארט חוק, סיי פון א מדינה, סיי פון א מלמד אין חדר, ס'קען זיין געבויט אויף יראת העונש, און ס'קען זיין געבויט אויף יראת הכבוד, און פארשטייט ווי מער ס'איז געבויט אויף יראת הכבוד, ווי מער כבוד און חשיבות ס'איז דא צום חוק, אלץ בעסער ווערט עס ארבעט'ן.

ווי למשל, די מדינה שטעלט ארויס א חוק, אויב דער עולם קוקט ארויף אויפ'ן חוק, ס'האט א חשיבות, מ'איז עס מקבל מיט יראת הכבוד, דאן פארט עס לייכט, אבער טאמער די עולם איז מזלזל אינעם חוק, פארלירט עס גאר אסאך פון זיין תוקף (כדאי לציין מה שמבואר בפת עכו"ם ועוד מקומות דגזירה שלא נתפשטה בכל ישראל, אובד את תוקפו). ווי מ'האט געזעהן ביי די חוקים פון 'קרואנע', וואס די עולם האט גאר שטארק מזלזל געווען, דאן מוז די מדינה אפיר נעמען די כח פון עונשים. און פארשטייט זיך אז די עונשים איז בכלל נישט קיין פארגלייך צו יראת הכבוד, און עס טוט אודאי נישט אויף קיין משהו פון וואס יראת הכבוד טוט אויף, אבער אז ס'איז נישט דא קיין יראת הכבוד האט מען נישט קיין ברירה און מ'מוז אפיר נעמען יראת העונשים.

די זעלבע זאך איז מיט די רבי אין חדר, די בעסטע זאך איז פארשטייט זיך, אויב דער רבי קען אויפהייבן די יראת הכבוד צו זיינע חוקים וואס ער שטעלט אוועק אין קלאס, וואס פארדעם איז דא פארשידענע טעקניקס, ווי אזוי מ'מאכט א עסק פון די חוקים, און מען ברענגט אריין אין דעם יראת הכבוד. אבער אויב ס'גייט נישט, דאן מוז מען ארויס נעמען די כוח פון עונשים, צו פארשטארקערן דורך דעם די חוקים.

## • די חוקים פון די תורה און מנהגים

להבדיל אלפי הבדלות, די תורה הקדושה שטעלט אוועק חוקים, די גאנצע תורה איז חוקים, די תורה קען מען נישט רירען, ס'איז ווי ס'איז, קען זיין ס'איז דא משפטים, און ס'קען זיין אז מ'קען זיין 'דרש טעמא דקרא', אבער נאך אלעס ווייסט א יוד אז אלעס איז חוקים, מ'קען נישט רירען די תורה הקדושה. ס'איז דא יודען וואס זיי באקומען די יראה צו די חוקי התורה הקדושה, דורך די התבוננת אין יראת העונש, אבער א גרעסערע מדריגה פון דעם איז צו באקומען די יראה דורך יראת הכבוד, זיך מתבונן צו זיין די גרויסקייט און די חשיבות צו די תורה הקדושה.

אזוי אויך א קהילה האלט זיך דורך מנהגים, ווי מ'זעט אין שלחן ערוך די הארבקייט פון מנהגים, אז מ'איז חס ושלום מזלזל אין מנהגים און אין די חוקי הקהילה, איז דאס א סכנה פאר די קהילה. און ביי דעם איז פארשטייט זיך אויך דא די צוויי יראות, יראה פון עונשים, יראה פון ווערן אויסגעשלאסן פון די קהילה וכדומה. און יראה מכח יראת הכבוד, וואס דאס איז פארשטייט זיך אסאך שטערקער ווי יראת העונש.


**יום טוב חנוכה גייט מען אביסל ארויס פונעם סדר, אביסל ארויס פון די וועלט פון 'חוקים', חנוכה איז אביסל מער די צייט ארויסצוברענגען די אהבה. מ'גייט מיטן רבי'ן אין וואלד לערנען, מ'פארברענגט מיט די קינדער פאר לאנגע שעות, מ'פארציילט זיי שיינע מעשיות, מ'זיצט ביי די לעכט אין די לאנגע ווינטערדיגע נעכט.**


א 'מנהג' איז די שטערקסטע זאך מכריע צו זיין אין הלכה, אויך ס'איז באקאנט די כלל וואס די מגן אברהם ברענגט בשם הירושלמי 'מנהג עוקר הלכה', מנהג איז די שטערקסטע זאך (אנדערע זאגען בבדיחותא ובתמיה 'מנהג עוקר הלכה' היתכן?). מנהג איז א זאך וואס ווערט געזעצט ביי מענטשן אין קאפ פאר א מציאות ממש, פאר מושכלות הראשונות, פרעגסט פון א מענטש פארוואס טוסטו אזוי?, איז די תשובה, וואס הייסט 'אזוי טוט מען ביי אונז', 'יעדער טוט אזוי', ער פארשטייט אפילו נישט וואס די פרעגסט אים.

און אזוי געשעט נאכדעם וואס א חוק גייט אריין און קראפט אין א מדינה, ס'איז געווארן אנגענומען ביי מענטשן זיך אזוי צופירען, צוביסלעך צוביסלך ווערט עס ווי א מציאות ממש. אזוי אויך ביים מלמד, נאכדעם וואס דער מלמד שטעלט אוועק זיינע חוקים אין זיין קלאס, מיט די צייט ווערט עס ווי א מנהג קבוע פון דורי דורות, עד כדי כך אז ס'ווערט צומאל אנגענומען ביי די קינדער אז ס'איז לא ימלט אנדערשט. אזוי אויך א טאטע און מאמע אינדערהיים, אויב ס'איז שטארק אוועק געשטעלט, ווערען די חוקים א מנהג און הנהגה ווי א מציאות ממש.

און ווי געשמועסט איז די זאכן נישט קיין סתירה צו 'אהבה', ווייל חוקים און מנהגים זענען די דרויסענדיגע סטראקטשער, און אהבה איז מער פון אינדערוויניג. חוקים און מנהגים זענען מער פארן כלל, צו פירען אסאך מענטשן צוזאמען אויף איין גאנג, און אהבה איז מער פארן פרט, איינער קעגן איינער.

יום טוב חנוכה גייט מען אביסל ארויס פונעם סדר, אביסל ארויס פון די וועלט פון 'חוקים', חנוכה איז אביסל מער די צייט ארויסצוברענגען די אהבה. מ'גייט מיטן רבי'ן אין וואלד לערנען, מ'פארברענגט מיט די קינדער פאר לאנגע שעות, מ'פארציילט זיי שיינע מעשיות, מ'זיצט ביי די לעכט אין די לאנגע ווינטערדיגע נעכט.

די יוונים האבן געוואלט צוברעכן די חוקים פון די תורה הקדושה, ווי מ'זאגט און על הניסים 'ולהעבירם מעל חוקי רצונך', זיי האבן געוואלט צוברעכן די חוקים און מנהגים פון די קדושה, און אריינברענגען די חוקים פון די טומאה. צוברעכן די 'חוקי רצונך', די חוקים פונעם אייבערשטענס רצון, די חוקים וואס זענען מאחד כלל ישראל צום אייבערשטן, ווילענדיג צוברעכן מיט דעם די אחדות הכללי פון די קדושה.


## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** shalomlangs@gmail.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424